ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# בית דוד

אידיש

**621**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# בית דוד

זייער א וואונדערליכע געשיכטע פון הגאון הקדוש
רבי דוד אפענהיים דער רב הכולל פון
פראנקפורט דמיין, מיט דעם גרויסען מקובל רבי
משה פרעגער ווי זיי האבען מיט השבעות פון
שמות הקדושים ארויסגעטריבען א דבוק פון
א בחור, און עס איז דורך דעם געווען א גרויסער
קדוש השם:

# בית דוד

## זעהר אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען רבין ר' דוד אפּענהיים און דעם גרויסען מקובל ר' משה פרענער ווי זיי האבען ארויס געטריבען פון איין בחור א דבוק ר"ל.

עס איז בעוואוסט דאס מיט לערך צווייא הונדערט יאהר צוריק איז די וועלט דערציטערט געווארין פון פיהל דיבוקים ר"ל וועלכע זענין אריין אין מענטשין אין האבען זייא שטארק גיפייניגט בין זיי זענין גיפארין צו די דאמאלסט בעוויסטע צדיקים אין בעלי קבלה וועלכע האבין די זינדיגע נשמות וואס זענען פערוואנדילט גיווארין און דיבוקים ר"ל גיגעבין א תיקון זיי זאלען קומען אויף זייער מקום מנוחה. פון די פאסירונגען וועלין מיר דאה איבער געבין איינעם וועלכער האט זיינער צייט אויפגעטרייסילט גאנץ פוילען עסטרייך:

אין דער שטאט שעפס וואס איז לעבין ווארשא האט גיוואהנט איוד מיטן נאמין חיים וואונץ א פראסטער מענטש אבער זייער אנערליכער. ער האט גיהאט א בחור מיטן נאמין אברהם דער בחור איז נישט גיוועזין פין די אבגיהיטינע לייט פלעגט א מאהל צו פארפעלין א דאווינען אין נאך כהנה זיין פאטער האט איהם פיעל מאהל אויגעמיסער'ט אבער אהן ערפאלג. איינמאהל איז ער ביינאכט א היים גיגאנגען פון אקלייזיל וואס ער האט דארט פארברענגט מיט חבירים אזעלכע ווי ער ביי קארטען שפילען. ער איז ניט גיוועזען אפילו קיינמאהל קיין איבער־גישראקינער אבער דאס מאהל האט ער זיך זייער גישראקין אין זיין פאנטאזיע האט איהם פארגישטעלט אזעלכע שרעקענס בילדער דאס ער האט ניט ווילענדיג גיבעטין זיינע חבירים זיי זאלען איהם צו פיהרען ביז א היים. וויא גיוועהנליך אזעלכע חבירים קארטין שפילערס האבין דאך שטענדיג נארישע מיילער. אלזא ווי זייא זענען צו גיקומען ביז צו זיין הויז און האבין שוין גיזאלט אוועק גיין האט זיך איינער פון זיי אנגערופען,

אנגערופען צו איהם נו יעצט מעג דיך שוין דער רוח נעמען. אין זייא
אלע האבין צוגילאכט צו דעם קליגין וויץ וואס זייער חבר האט גיזאגט
אין, אהן א גוטע נאכט אוועק גיגאנגען. דער וויץ האט זיך אבער זייער
טרוריג אויסגעלאזט. נעמליך אזוי וויא זיי זענען אוועק גיגאנגין האט
זיך דעם אברהם'ן גידאכט ווי א מחנה שווארצע הינד זייער מורעדיגע
ריינגלען איהם ארום. אין א שטיק פייער פליהט אין איהם אריין ער
האט גימאכט א גרויסען גיוואלד אויף וועלכען זיינע עלטערין ווי אויך
פיעל שכינים זענען זיך געקומען צו לויפען און זיי האבען איהם אריין
גענומען אין שטיב אריין ער איז גילעגין ווי א טויטער פערגלייזט די
אויגען אין מען האט אין איהם ניט דערקענט קיין שום סימנים פון
לעבין מען האט באלד אלארמירט דעם שטאט רופא אבער ער האט
גאהר ניט גיקענט אויפטהון אין אלע האבין גירעכינט דאס דער בחור
איז גישטארבין:

אבער צו אלעמענס ווינדער. פלוצלינג אזוי ווי עס איז טאג גיווארען
האט זיך דער בחור זעלבסט אויפגעהויבען אבער שוין נישט
דערזעלבער ווי שטענדיג מען האט און זיינע אויסגילאשינע אויגען דער-
קענט אז ער איז עפיס אנאנדערע מענטש גיווארען. זיין אויסזעהן איז
גיווארין אזוי שרעקליך דאס די שטיב לייט זענען אנטלאפען פון שטוב
ארויס ער איז אוועק גיגאנגען און דערנעבענדיגען וועלדיל אין ער האט
דארט אויסגעריסען א שטאם פון אנאלראלטען בוים וועלכער האט געוואל-
גען לערך הונדערט פינט און ער האט איהם גיטראגין מיט ביידע הענד
אזוי לייכט גלייך וויא ער וואלט גיווזען א דין שטעקעלע אלע וועלכע
האבין איהם גיקענט פון לאנג פאר אגאנץ שוואכען האבין זיך אבגיש-
טעלט צו זעהן די ווינדער ווי ער טראגט אזוי דעם שטאם וועלכעס
צוויא שטארקע מענטשען וואלטען זיך גערארפען גוט מאטערן בלויז
איהם אויפצוהייבען און זענען זייער פעראינטערעסירט גיווארין צו זעהן
צו וואס פאר א צוועק ער טראגט דאס דעם שווערין שטאם. און דרובער
זענען זיי איהם נאך גיגאנגען אין אזוי האט דאס נאך גיין ארויס-
גערופען א פערווינדערונג ביא אנדערע מענטשען וועלכע וואלטען צוליב
איהם אליין זיך נישט פעראינטערעסירט נאר צוליב זייער גיין האט דאס
אויך אנדערע מענטשען צו גערופען ביז ער איז צו געקומען אין מיטען
מארק אריין איז שוין גיווזען פערזאמעלט גאהר אנאנגהיירער המון
יודען אין להבדיל ניט יודען. פלוצלונג האט דאס דעם בחור גיגעבין
אווארף אויף דער ערד דאס אלע מענטשען זענען דערביי גישטאנ-
האבין

האָבּין גלייך בּאַמערקט אַז דאָס איז איהם געקומען פון אַנאַטורליך דרוק און זיינע אויגען זענען געוואָרען פערלאָפּען מיט בלוט. עטליכע מינוט איז ער אַזוי געלעגין ווי אַ טויטער. פלוצלינג האָט ער געגעבּין אַ נעם דעם שטאַם וועלכען ער האָט מיט זיך מיט געבּראַכט פון וואַלד און האָט איהם אויפגעהויבּען מיט בּיידע הענד ווי ווייט זיינע הענד האָבּען גערייכט און האָט דער מיט זיך געגעבּין אַ זעץ אין האַרץ אַריין און דערבּיי מתוודע געוועזין אויף זיינע זינד ער האָט מיט זייער אַ זיסע שטימע אויסגערעכינט זיינע אַלע עבירות מיטן סדר פון אַלף בּית אין יעדינס מאָהל זיך געגעבּין אַזעץ אין האַרץ אַריין אַז עס האָט זיך געהערט אויף אַ ווייטע שטרעקע די קלעפּ עס איז גאָר ניט געוועזין צו פער־שטיין ווי אַזוי ער איז ניט געבּליבּען טויט בּאַלד נאָך דעם ערשטען קלאַפּ. ער האָט זיך דערנאָך אויפגעהויבּען און גענומען דעם שטאַם צוריק געטראָגען אין וואַלד אַריין אַזוי גייענדיג האָט ער אָנגעטראָגען אויף זייער אַ גרויסען און שווערין שטיין האָט ער דעם שטיין גענומען אין איז ווידער געגאַנגען אין מאַרק אַריין אין האָט ווי פריהער זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין מיט דעם שטיין. אין אַזוי האָט ער פון דאַ־מאָלסט אָהן געטוהען אַלע טאָג דריי מאָהל עס פלעגט יעדין מאָהל זיך צוזאַמען קומען פיעל מענטשין פון יודען און להבדיל נישט יודען ווי אויך פון די דערבּייאיגע שטעטלעך צו צוזעהן די גרויסע יסורים וואָס דער זינדיגער האָט אויס צו שטייען נאָכן טויט אין פיעל פון די וואָס האָבּין דאָס צו געזעהן האָבּין שטאַרק חרטה געהאַט אויף זייערע שלעכטע מעשים און האָבּין געטוהן תשובה:

דער בּחור האָט אַזוי אָבּגעפיהרט עטליכע חדשים צייט און זיינע עלטערין זענען פון גרויס עגמת נפש און בּושה געשטאָרבּען. האָט דער בּחור אָנגעוואָהרען זיינע פערזאָרגערס און ער האָט אָנגעהויבּען צו הינגערין אין אוס נויט האָט ער געמוזט אָנהייבּין צו וואַנדערין פון שטאָט צו שטאָט און פון מדינה צו מדינה גלייך וויא אַלע אָרימע לייט אָבּער ער איז געוועזען אַנאויסנאַהם ווייל אין וועלכער שטאָט ער איז געקומען אין האָט אָנגעהויבּען צו פראַווען זיינע ווידוים אין האַרץ קלאַפּען האָט ער אַרויס גערופען אַ גרויס פעראינטערעסירונג פון דער גאַנצער שטאָטישער בּאַפעלקערונג און ער איז געוועזען די סענסאַציע אין איבּעראַלען געשפרעך טייל האָבּען מיט לייד געהאַט אַנדערע האָבּען זיך דערשראָקען פאַר דעם גרויזאַמען עונש אין האָבּען זיך געמאַכט אַ חשבּון

צו עס ווארט זייא אויף נישט דאָס זעלבע ווי דעם אומגליקליכען, אין זיי דערוועקט אַ הירהור תשובה. אַזוי האָט ער אַרומגיוואַנדערט גאַנצע זעקס יאָהר ביז ער איז אָהנגעקומען אין דער שטאָט ניקעלשפורג וועלכע איז דאַמאָלסט גיוועזען איינע פון די אויסגיצייכענטע שטעדט מיט איהרע גרויסע לומדים און בעלי קבלה. אין ער האָט ווי זיין גיוואָהנהייט אויך דאָרט אויסגעזוכט אַגרויסען שטיין אין איז מיט איהם גיגאַנגען אין הויפט מאַרק אַריין ווי עס פערזאַמלען זיך פיהל מענטשען. אין פלוצלינג אַלעמען אין דיא אויגען האָט עס איהם געצוהן אַשטאַרקען וואָרף אין דערערד אַז עס האָט גימאַכט אַזוי אַנאָבקלאַנג וויא מיט אַמאָהל וואָלטען זיך אַלע גרעסטע הייזער צושיט. אין ער האָט גענומען דעם גרויסען שטיין אין אַרויף גילייגט אויפ'ן האַרץ אָבער דער שטיין האָט זיך זעלבסט באַוועגט איבער'ן גאַנצען קערפער אַרויף אין אַראָב מיט אַנאַונגיוועהנליכער שנעלקייט עס האָט יעדער גיקאָנט באַמערקען אַז דאָס איז נישט קיין מענטשליכע באַוועגונגען נאָר עפיס אַרוח וואָס רוהט אין דעם אומגליקליכען בחור. אין אַזוי ווי דער שטיין האָט זיך גיקאָלערט אויף אַלע איברים פונם אומגליקליכען האָט ער פלוצלונג גיגעבען דעם שטיין אַחאַפּ מיט ביידע הענד און אויפגיהויבען ווי ווייט זיינע הענד האָבען גיגרייכט אין אָנגיהויבען צו קלאַפּען אין האַרץ אַריין אין זאָגען ווידוים לויט דעם סדר אַלף בית ער האָט אויסגירעכינט זייער גרויליכע עבירות וואָס ער איז בעגאַנגען אין זיין לעבען אין האָט זייער חרטה גיהאַט דרויף:

דאַמאָלסט איז אין דער שטאָט ניקעלשפורג גיוועזען דער גרויסער גאון בעל מקובל ר׳ משה פרעגער וועלכער האָט נאָכדעם ווי עס איז גיוועזען די גרויסע שריפה ר״ל אין פראָג זיך באַזעצט אין ניקעלשפורג אין האָט דאָרט גילערינט ביים וועלט'ס גאון איז באַוואָסטען בעל מקובל ר׳ דוד אָפּענהיים וועלכער איז דאַמאָלסט גיוועזען ניקעלש-פורגער רב אין אָבער ראַבינער אויף גאַנץ מדינת מעהרען. דער גרויסער גאון ר׳ דוד אַפּענהיים האָט שטאַרק רחמנות גיהאַט אויף דעם אומגליק-ליכען בחור אין ער האָט באַשלאָסען מיט אַלע זיינע כוחות דעם בחור צו ראַטיווען אין באַפרייען איהם פון זיין אויסערגיוועהנליכער פיין. ער האָט דערצו זיך פאָהרגיבערייט אין מסדר גיוועזען תפילות אין השבעות מיט הייליגע שמות צו באַשווערען דעם רוח דאָס ער זאָל אַרויס פון דעם בחור. אין דער צייט האָט דער גאון אין גרויסער מקובל ר׳ משה פרעגער צו גיגרייט צום דרוק דאָס ווינדערבאַרע אין גיאַכטעטע ספר ויקהל משה וועלכעס. ער האָט מחבר געוועזען אין דער חכמה הקבלה. אין ער איז

געקומען

# בית דוד

צוקומען צו זיין רבי דער גרויסער גאון אין מקובל ר׳ דוד אָפּענהיים וועלכער איז געוועזען אין יענער צייט פון דיא גרעסטע קבלה אויטאריטען ער זאָל זאָגען זיין מיינונג איבער זיין חיבור ויקהל משה אין אויב עס איז לויט זיין איינזעהן ווערט גדרוקט צו ווערען זאָל ער איהם מכבד זיין מיט זיין הסכמה. דער גרויסער גאון האָט איהם אָנגענומען בסבר פנים יפות אין האָט איהם באַלד ערטיילט זיין הסכמה. אין וועלכער ער רוהמט זייער שטאַרק דעם מחבר ווי אויך זיין ווערטפולן ספר ויקהל משה. אין ווי געוועהנליך ווען אזעלכע צוויי גרויסע לייט קומען זיך צוזאַמען שמועסען זייא דאָך זעלבסט פאַרשטענדליך אין לערנען יעדין איינער זאָגט עפּיס אַ דבר חידוש וואָס ער האט די לעצטע צייט מחדש געוועזען אין נגלה אָדער אין נסתר דאָס הייסט חכמת הקבלה. ביי דעם געלעגינהייט האָט דער גרויסער גאון געוויזען ר׳ משה׳ן די כתבים וועלכע ער האָט צו געגרייט סגולות אין שמות מיט שמות הקדושים כדי אַרויס צו טרייבען דעם דיבוק פון דעם אומגליקליכען בחור אין האָט געזאָגט צו ר׳ משה׳ן איך ווייס דאָך אז איהר זענט מסוגל צו די זאַכען טהוט מיר צוליעב אין הייבט אָהן עוסק צו זיין דרונען איך גיב אייך איבער די אַלע כתבים אין וועל אויך אייך מיט העלפען ווען נאָהר איהר וועט פון מיר פערלאַנגען. ווייל אין דער זאַך איז פערהאַנדען צוויי גרויסע מצות. איינס מציל צו זיין אַ יודיש נפש דען דער בחור וועט דאָך סוף כל סוף נישט קענען לענגער אויסהאַלטען דיא שרעקליכע יסורים וואָס דער רוח רע טהוט איהם ר״ל פייניגען. אין צווייטענס וועט דערפון זיין אַ גרויסער קידוש השם דאָס אַלע יודען ווי אויך להבדיל נישט יודען וואָס ווייסען פון דעם בחור׳ס אומגליק אין אַז זיי וועלען זעהן דעם כח פון דער הייליגער תורה דאָס זי קען באַפרייען דעם מענטש אַפילו פונ׳ם גרעסטען אומגליק וועלען זייא זי שעצען ווי געהעריג:

אבוואהל ר׳ משה האָט נישט געוואָלט אָנהייבען מיט דעם רוח ר״ל ווייל אין ספר חסידים פון וועלט׳ס באַרוהמטען צדיק אין בעל מקובל ווערט געלעהרענט דאָס אַ מענטש זאָל נישט באַנוצען מיט קיין שמות הקדושים ווייל עס איז אַגרויסע סכנה ר״ל. נאָהר ער האָט נישט געקענט אָבזאָגען זיין רבין אין בפרט נאָך ווען זיין רבי וואָס האָט דאָך פאָר געוואָסט געזעהן די אַזהרה פון דעם ספר חסידים אין ער האָט זיך געוואָלט מכניס זיין אין דער זאַך אין האָט שוין צו געגרייט אַלעס וואָס מען האָט דערצו געדאַרפען נאָהר ווייל ער האָט געדאַרפען אַרויס פאָהרען קיין וויען אין אַגענין פון אַ טובת הכלל. וויא אויך ער האָט איינגעזעהן

איינגיזעהן אז ר׳ משה איז דערצו מעהר מסוגל פון איהם דערובער האט ער מסכים גיוועזען אנצוהייבן צו טוען וועגען ראטיווען דעם אומגליק-ליכען בחור פון דעם דיבוק ר״ל וואס ער האט איהם גיפייניגט. דערוויל האט דער גרויסער גאון דער שטאדט רב ר׳ דוד אפענהיים געמזוט אב פאהרען קיין וויען אין דרובער האט ער גישיקט רופען די אלע גרויסע לומדים אין בעלי מקובלים פון דער שטאט אין בראשם דאס בית דין אין זיי אנגעזאגט דאס זיי זאלען באהילפיג זיין דעם גרויסען מקובל ר׳ משה פרעגער אין אלעמען וואס ער וועט פון זייא פערלאנגען. בפרטות האט ער אנגעזאגט די ראשי בית דין די גאונים ר׳ הירש סג״ל אין ר׳ פרץ דיין דאס זיי זאלען צוהעלפין ר׳ משה׳ן מיט ראט אין טהאט. אין ווינטשענדיג זיי אלעמען ערפאלג דאס דער גרויסער קידוש השם ז״ל אויסגעפיהרט ווערען דורך זייער האנד האט ער זיך גיזעגינט אין אוועק גיפארען קיין וויען נאך אין דעם זעלבען טאג האט ר׳ משה פרעגער גימאכט אנאסיפה אין מען האט פארגילייגט פאר די אלע איינגיזאמעלטע דאס דער רב האט גיהייסען דעם דיבוק מתרה זיין אין נאמען פון דער שטאדט דאס ער זאל מיט גיטען ארויס גיין פון דעם בחור אברהם באופן דאס ער זאל איהם קיין שום שאדען נישט מאכען. זעלבסט-פארשטענדליך דאס אלע האבען דערצו מסכים גיוועזען. אלזא האט ר׳ משה אויסגעקליבען פון זיי אזעלכע וואס ער האט געוואסט אז דער שורש פון זייער נשמה איז מסוגל צו דער זאך אין איז מיט זיי גיגאנגען אין הקדש אריין ווי דער בחור איז גיוועזען צווישען אלע ארימע לייט אין ער האט צו דעם דבוק גיזאגט די זאלסט וויסען דאס איך בין געקומען אין נאמען פון דעם גאנצען קהל הקודש וועליכע זענען דאה געקומען אין וועלכע זענען דאה נישט געקומען אין בראשם דער גרויסער גאון אין צדיק ר׳ דוד וועלכער איז רב הכולל איבער דער גאנצער מדינת מעהרען. דיר מתרה זיין מיט גיטען אז די זאלסט ארויס פון דעם בחור באופן עס זאל איהם גאר נישט שאדינען. אין וויבאלד די וועסט אונז פאלגען זאג איך דיר צו איך זאל טוען וועגען מתקן צו זיין דיין נשמה. איך וועל אגאנץ יאהר פאסטען חוץ שבת אין יום טוב אין די טעג וואס מען זאגט ניט קיין תחנון אין וועל זאגען אגאנץ- יאהר קדיש ווי אויך תפילות תחינות כדי די זאלסט האבען מנוחה פון די מחבלים אין מקטריגים וועלכע יאגע דיך נאך אין פייניגען דיך אין איך וועל אויך לערנען משניות אין געבען צדקה כדי צו ברעיגען דיין נשמה אויף איהר מקום מנוחה. אבער די זאלסט נישט קלערען ווייל איך בעט דיך מיט גיטען קען איך

אקייגין

אקייגען דיר נישט מלחמה האלטען ווייל אויב די וועסט נישט וועלען
מיט גיטען ארויס גיין וועל איך מיט דעם כח פון די שמות הקדושים
וואס איך ווייס דיך צווינגען ארויס צו גיין און די וועסט נאך האבען
א טאפילען עונש דערפאר וואס די האסט גיברענגט דערצו מען זאל
דארפען צו דערמאנען די הייליגע שמות. און אויך וועל איך דיך מיט
דיינע ממונים פארשעלטען אין אריין לייגען און חרם אריין דאס איהר
וועט קיין תקומה ניט האבען. אזוי האט ער איהם דרייא מאהל
מתרה גיוועזען. אבער דער דיבוק איז גיוועזען א גרויסער עקשן וויא אויך
א מחוצף ער האט זיך פון דיא אלע רייד זעהר ־ אויסגילאכט און
האט גיזאגט אז איהם איז אין דעם בחורס גוף זייער גוט און ער
וועט פון איהם בשום אופן נישט ארויס. און ער לאכט זיך אויס פון
דער גאנצער התראה ווייל ווי אזוי קען ר׳ משה איהם מתרה זיין אין
דעם רב׳ס נאמען דער רב איז דאך נישט פערהאנדען אין ניקולשבורג
ער איז דאך אוועק גיפאהרען קיין וויען. האט איהם ר׳ משה גיענטפערט
אמת טאקע דאס דער רבי איז אין וויען אבער פאר זיין אוועק פאהרען
האט ער אונז איבער געלאזט א כח הרשאה מיר זאלען אלעס טהון און
זיין נאמען און דרובער איז גלייך ווי דער רב זעלבסט וואלט דא
גיוועזען. און די זאלסט נישט מיינען אז מיר דארפען דיך בעטין נאר
מיר ווילען נישט מטריח זיין קיין שמות הקדושים אבער אז די וועסט
מיט גוטען נישט טהון אונזער פערלאנג אין ארויס גיין פון דעם גוף פון
דעם בחור אברהם וועלען מיר דיך און דיינע ממונים צווינגען מיט
געוואלד און דערנאך וועט שוין ערגער זיין דיין עונש דערפאר וואס
דורך דיר האבען מיר דערמאנט אזוי פיעל שמות הקדושים אין אויך
דורך די חרמים וואס מיר וועלען ווארפען אויף דיר אין אויף דיינע
ממונים אזו ווי דער רב האט אונז באפוילען אין מיר האבען מסדר גיוועזע
די שמות הקדושים וואס מיט זייער כח וועלען מיר דיך און דיינע
ממונים פארטרייבען אין א וויסטע מדבר אריין דאס די וועסט
שוין מעהר קיין תקנה נישט האבען. דער דיבוק האט זיך אבער פון
דעם אלעם אויסגילאכט אין האט גירעט ליצנות אין גילעכטערליך אלעס
אויפן הויכען קול מיט זייער גרויס חוצפה. אין ער האט דעם בחור
אנגעהויבען צו פייניגען נאך מעהר ווי שטענדיג דאס אלע וואס זענען
דערביי גישטאנען האט זיי אנגיחאפט א ציטערניש ווי דער בחור האט
זיך גימאטערט עס איז גאר נישט מיגלעך דורך אפערער דאס איבער צו
געבין און פון דעסט וועגין נאך אלעמען האט דער דיבוק אנגע ׳ בען
צו

צו וויינען און צו קלאגען ווי וועל איך מיך אהין טוען דאס איז דאך דער ר' משה פרעגער וואס איך האב פאר איהם מו"א גיהאט און בין דורך איהם אנטלאפען פון גאנץ מדינת אונגארען לסוף האב איך דאך אויך פון איהם נישט קיין מנוחה נאך וואס איז ער דאה אהער געקומען אין וואס וויל ער פון מיר האבען. ר' משה האט איהם גיענטפערט די זאלסט נאך אמאהל גידענקען דאס מיר האבען דיך מיט גיטען מתרה גיוועזין דרייא מאל אין אויב די ווילסט יעצט מיט גיטען ארויס גיין וועלען מיר טהון פון דיין טובה וועגען דיך מתקן צו אלעס וואס וועט נאר פון אונז פערלאנגען אין אויב די וועסט נאך שטיין און דיין חוצפה בעגען אונז זאלסטו וויסען דאס מיר באשטימען דאנערשטיג דעם טאג פון קריאת התורה א גרויסע אסיפה כדי דיך צו באשווערען און צווינגען דורך דעם כח פון שמות הקדושים דעם בחור אברהם זאל גארנישט שארינען אין דער דיבוק האט דרויף גאר נישט גיענטפערט:

דאנערשטאג צווי אין צוואנציג טאג אין חודש שבט אין יאהר תנ"ו איז באשטימט גיווארען צו מאכען דעם עפינטליכען ארויס טרייב געגען דעם דיבוק מיט זיבען ספרי תורות אין זיבען שופרות אין דער גאנצער פערזאמעלטער עולם זאלען זאגען פסוקים אין תפילות וואס גיהערען צו דער זאך. אין אזוי אהל פיעל גרויסע לומדים פון שטאט האבען נישט מספים גיוועזען ארויס צו גיין מיט אזוי אכח מטריח זיין ספרי תורות אין שמות הקדושים בפרט פאר דעם גרויסען פרסום האבען זיי מורא גיהאט טאמער וועלען זייא נישט אויספיהרען געגען דעם דיבוק קען ח"ו דערפון ארויס קומען א חילול השם א קייגין די נישט יודען וועלכע האבען זיך מיט דער ווינדערליכע זאך שטארק פאראינטערעסירט דערוביער איז זייער דעה גיוועזען אז מען זאל מיט גוטען בייא איהם פועלען ער זאל דעם בחור חאטש נישט אזוי פיעל פייניגען שבת און יום טוב ווייל ביז דאמאלסט פלעגט ער איהם און די נישט יודישע תגאות לאזען רוהען. און דאגעגען שבת אין יום טוב האט ער איהם שטארק גיפייניגט אין נאך אלע עינוים קשים וואס ער פלעגט איהם אנטהון האט ער איהם נישט גילאזט עסען מער ווי א שטיקעל טריקען ברויט מיט זאמד אבער ר' משה האט גיזאגט איך מוז טהון אזוי ווי מיין רבי האט מיך גיהייסען אין איך פערהאף מיט דעם אייבערשטינס הילף דאס איך וועל די זאך ערפאלגרייך אדורך פיהרען אין עס וועט זיין אהצלת נפשות דאס דער בחור וועט באפרייט ווערין פון זיינע שרעקליכע יסורים אין א גרויסער קידוש השם אלע האבען גימוזט דערויף איינווילליגען

ווייל

דער רב האט דאך זיי אנגיזאגט אז וואס ר' משה וועט פון זיי פער-
לאנגען וועלן זיי איהם בייהילפיג זיין. און דערוּבער איז אזוי געבליבען
במוסכם און מען האט גיהייסען דעם שמש הקהל אויסרופען אין אלע
שוהלען. בתי מדרשים אז דאנערשטיג זאלען קומען און דער נייער שוהל
אריין כדי ברוב עם וועט דער זכות גרעסער זיין און מען וועט געכער
קענען פועל זיין. דער שמש הקהל האט תיכף פארשטענדיגט מיט אלע
שמשים פון שטאט און זייא אלע האבען אויסגערופען יעדער אין זיין
שוהל אדער בית המדרש אז דער גאנצער עולם זאל זיך צוזאמען קומען
אין דער נייער שוהל אריין. דאנערשטאג באלד אין דער פרי האט דער
גאנצער עולם געשטראמט אין דער נייער שוהל אריין. טייל דורך דעם
וואס האט אויסגערופען בפקודת הרב מרא דאתרא אין בית דין צדק.
טייל גלאט דורך נייגעריגקייט אזוי א שרעקליכע גישעהניש ביי צו
וואהנען אין די גרויסע שוהל איז באלד אין דער פרי גיווארען גיפאקט
קעפ אויף קעפ טויזינטער מענטשען זענען געשטאנען ווי גישפאנט צו
זעהן ווי די גרויסע צדיקים האבען כח מיט זייערע הייליגע ווערטער צו
באפעלען אויף אלעמען:

**באלד** איז דער שוהל שמש געגאנגען און באגלייטונג פון נאך עטליכע
שמשים אין הקדש אריין ווי דער בחור פלעגט זיך אויפצוהאל-
טען און ער האט גערופען דעם בחור אין שוהל אריין ווי ער האט
איהם אנידער גיזעצט אויפ'ן באלעמער אקייגן ארון הקודש אין צוויי
שטארקע מענטשען האבען איהם צו געבונדען צו דער גראטע און ר'
משה האט איהם גיזאגט אבוואהל איך האב דיך שוין דריי מאהל מתרה
גיוועזען אז די זאלסט מיט דיין גוטען ווילען ארויס גיין פון דעם גוף
פונם בחור אברהם בן יוטא פונדעסטוועגין בין איך דיך נאך אמאהל
מתרה בשעת מעשה אז די וועסט אונז פאלגען וועלין מיר פאר דיר
בעטין אין לערנין אין קדיש זאגען כדי די זאלסט האבען א תיקון. דער
רוח האט נאך אמאהל גיענטפערט מיט גרויס חוצפה איך וועל בשום
אופן ניט ארויס גיין אין אפילו עס זאלען קומען די גרעסטע גאונים
בעלי קבלה וועלין זיי מיך פון גוף נישט ארויס טרייבין. אין דאס וואס
איהר זאגט מיר צו דאס איהר וועט מיך מתקן זיין. ווייס איך אז עס
איז נישט מיגלעך ווייל איך בין אזוי אזינדיגער אויף וועלכען שלמה
המלך עליו השלום האט גיזאגט מעות לא יוכל לתקן דער וואס טהוט
אזעלכי עבירות און טהוט ביי זיין לעבין אויף זיי קיין תשובה נישט
קען ער אויף יענער וועלט קיין תיקון נישט האבען. אין די אלע עבירות

וועלכע

וועלכע איך בין אויף זיי מתוודה אַלע טאָג, ווי איהר הערט דאָס גאַנצע צעטיל אויסרעכינגען איז דאָס נאָר דער קליינער על חטא מיינער ווייל אין אמת האָב איך אַזעליכעס געזינדיגט דאָס מיינע זינד זענען שווער אויסצופּולין פאַר מיר אַ מחילה ביז איך וועל האָבין די גרויסע עונשים וואָס איך האָב מיר פאַרדינט. ער האָט אַזוי גירעט גלייך ווי צוויי מענטשען שמיסען זיך אויס. דערווייל איז גיוואָרין שפּעטליך אין דער גרויסר גיפאַקטער עולם איז גיוואָרען זייער נישט רוהיג איינער האָט אָנגעהויבין צו חלשען פון דער גרויסער ענגשאַפט אַ צווייטער האָט גידאָרפען נייטיג אַ היים צו גיין דרובער האָט מען געמוזט צו טרעטין צום עיקר גישעפט אין ר׳ משה האָט איהם גיפרעגט ווי זיין נאָמען איז אין זיין פאָטערס נאָמען אין פון וועלכער שטאָדט ער איז. האָט ער די נעמען נישט גיוואָלט אויס זאָגען נאָר פון וועליכער שטאָדט האָט ער יאָה גיזאָגט אַז ער איז פון דער שטאָדט נאָראַל אין פוילען. אין דאָס ער איז גיוועזען אַ ראש מדינה. דאַמאָלסט פלעגט די פוילישע מלוכה מאַכען איהר׳ס אַ פערטרויאונג וועמען פאַר אַ נעלצטין איבר אַלע יודיש איינוואָהנערס ער האָט גיהאַט צו שאַפען איבער די פאַרשידענע פּאָד-אַטקעס וואס די מלוכה האט גיפאָדערט פון די יודען ער זאל שטעלען יעדין איינעם וועדלאָג זיינע מעגליכקייטין אין אויך איבער אַלע התמנות׳ן פון קהל ווי צום ביישפּיעל ווען מען האָט גידאַרפט אויף נעמען אַ רב אָדער אַ שוחט האט מען געמוזט זיין דעה האָבען דאס ער זאל אויף דעם באַטרעפענדעם פערזאָהן מסכים זיין. אין ווי זייא האבען גיזעהן אַז מיט גיטען וועלען זיי ביי איהם גאר נישט פועל זיין האט ר׳ משה פרעגער איהם אנגיהויבען צו מאַכען ביישווערען מיט שמות הקדושים אין די אַלע וואָס זענען גיוועזען און שוהל האָבען זאָגט דעם שיר של פגעים. דאָס איז דאָס איינאונצוואָנגסטע קפּיטעל תהלים יושב בסתר. אין נאָך פאַרשידענע תפילות מיט מזמורים וועלכע ר׳ משה האָט פרוהער אַלעס צו גיגרייט און אַז ר׳ משה פרעגער האָט אויס געלאָזט די תפילה האָט זיך דערהערט דאָס קול פונ׳ם גאַנצען קהל ענטפערען אמן אַז די ווענט האָבען געציטערט און מען האָט תיכף גיבלאָזען מיט זיבען שופרות אין איין אָטעם. דאַמאָלסט האָט דער רוח אָנגיהויבען צו שרייען אין צו וויינען מיט זייער אַשרעקליך קול. אַפּערטעל שעה דורך אַנאַנד אַז די אַלע אָנוועזענדע זענען גערוהרט גיוואָרען פון דעם יעמערליכען קול. אין דעם האָט ער אָנגיהויבען צו שרייען זייער מיט אַגיוואַלדיגע הויכע שטימע אין שטאַרק צאָרינדיג: איך וועל מיך האַלטען

האלטען ביי דאס מייניגע וועל בשום אופן פון דעם בחור נישט ארויס גיין אין ער האט אנגיהויבען צו זידלען איינעם פון די מענטשען וואס זיינען אנוועזענד גיוועזען אין שוהל אין אויסגירעכינט יעדען פון זיי וואס פאר אנעבירה ער האט גיטוהן אין זיך פון זיי אב גילאכט אין אפ גישפעט. ר' משה האט גיהייסען נאך א מאל זאגען דעם שיר של פגעים אין די אלע תפילות. דער גאנצער ציבור האט דריי מאהל דאס אלעס גיזאגט אין אז ר' משה האט אויסגילאזט יעדער תפילה האט דאס גאנצע ציבור נאך גיזאגט אויפ'ן קול אמן. האט דער רוח ווידער אנגיהויבען צו שרייען און וויינען ווי דאס ערשטע מאהל. אבער נאך אנערך אפערטעל שעה האט ער זיך ווידער אויס גילאכט אין אבגישפעט פון דעם אלעם אין צום סוף גיזאגט דאס ער וועט בשום אופ'ן נישט ארויס גיין פון דעם בחור. דאס האט אזוי אוועק געדויערט אנערך דריי שעה. דערנאך איז דער שמש ארויף געגאנגען אויפן בעלעמער אין אויסגערופען. אז עס איז געבליבען במוסכם פון דעם בית דין צדק אין בראשם ר' משה פרעגער אזוי ווי דער רוח האט מיט חוצפה אבגיווארפען אונזער פארשלאג דאס ער זאל מיט גיטען ארויס גיין פון דעם גוף פונ'ם בחור אברהם בן יוטא פון דער שטאדט שעפס אין ער האט גיברענגט דערצו דאס מען האט געמוזט מטריח זיין די שמות הקדושים אין וייל דער עולם איז נישט גיוועזען צו גיגרייט דרויף צו זיין אזוי לאנג אין שוהל וועט מען יעצט איהם שוין מזהר נישט משביע זיין נאר הערשט מאנטאג זיקס אין צוואנציג טאג אין חודש שבט תנ"ו לפ"ק דאמאלסט וועט מען דעם בחור פיהרען אין דער אלטער שוהל אריין אין מען וועט איהם נאך א מאהל מאכען באשווערען אין לייגען אין חרם אריין איהם מיט זיינע ממונים אין מען וועט נישט אהיים גיין פון שוהל ביז מיט השי"ת הילף מיר וועלען אונזער'ס אויספיהרען אין דער אומגליקליכער בחור וועט בעפרייעט ווערען פון זיין חוצפהדיגען באדריקער:

אבער טראץ דאס חוצפה'דיגע האלטען פון דעם רוח האט מען דערקענט אז ער וועט זיך אינטער געבין אין אז נאך דער ערשטער השבעה איז ער אסאך שוואכער גיווארען אין ער האט דעם אומגליקליכען בחור שוין אזוי פיהל נישט גיפייניגט אגאנצען פרייטאג'דיגען טאג אין פרייטאג צו נאכטס האט דער בחור גימאכט קידוש אזוי ווי אלע יודען אין ער האט גיגעסען אלעס וואס מען האט איהם גיגעבען אין אויך גיבענטשט מזומן. אין אזוי אויך אגאנצען שבת'דיגען טאג האט ער גידאווענט אין גיגעסען אין גיבענטשט גלייך ווי אלע יודען אין ער האט איהם שוין נישט

גיפייניגט

גיפייניגט ווי די גאנצע יאר וואס דוקא שבת אין יום טוב פלעגט ער
איהם צו פייניגען אין נישט צו לאזען עסען מער ווי טריקען ברויט
איינגעטינקען אין בלאטע. בפרט אידישווארט האט ער איהם קיינמאהל
נישט גילאזט זאגען ביז דעם טאג. אין דרובער האט דאס אריינגעבען
מוט אז מען זאל זיך פעסט צו גרייטען צו דער צווייטער השבעה. אין
באלד זינטאג אין דער פרי האט ר׳ משה פרעגער גימאכט אגרויסע אסיפה
אין דער נייער שוהל אין אנירער יגיזעצט דעם בחור אויפ׳ן בעלעמער
אקייגין ארון הקודש אין ער האט איהם נאך א מאהל מתרה גיווען אין
נאמען פון דעם רב הגאון המקובל ר׳ דוד אפפענהיים אין דאס בית צדק
בצירוף די גאנצע עדה קדושה אז ער זאל ארויסגיין פון דעם גוף פונ׳ם
בחור אברהם אהן שום שאדען פאר׳ן בחור אדער וועלכער יוד אדער
יודינע פון די וואס זענען דאה פערהאנדען ווי אויף די וואס זענען
אין דער גאנצער וועלט. אין ר׳ משה האט פאר איהם פאהר גילייענט
די תפילה וואס ער האט מסדר גיוועזען מתפלל צו זיין לטובת דעם רוח
דאס ער זאל האבען מנוחה פון די מלאכי חבלה זיי זאלען נישט אזוי
פיהל פייניגען. די תפילה וועט ער מתפלל זיין אין משך פון אגאנץ יאר
חוץ די טעג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון און ר׳ משה יועט אויך
לערנען שיעורים אלע טאג אין זאגען קדיש פאר דעם תיקון פון זיין
נשמה. אין אזוי איז דער נוסח פון דער תפילה. רבונו של עולם. האר
פון דער וועלט דערבארימדיגער פאטער האר פון פארגעבונג לייטזעליגער
קעניג אין רחמנות׳דיגער באשעפער וואס די טהוסט גינאדע מיט דיינע
אלע באשעפענישען. מיר קומען פאר דיר מיט גיבעט אין לייטזעליגקייט
אז די זאלסט מעהרען דיין גוט׳קייט אין זאלסט טהון איבער דער גרעניץ
פון דין מיט דעם רוח וואס האט זיך באהעפט אין דעם בחור אברהם
דער זוהן פון יוטא אין ייר קלאפט אין איהם. בעטין מיר דיך דער-
בארימדיגער פאטער זאלסט פון איהם גרינגער מאכען דיינע דינים. אין
אבוואהל עס איז נאך אויף איהם דאה א דין ער זאל זיין גישטראפט
מיט שווערע שטראף אדער גרינגע שטראף ביסטו דאך דער קוואל פון
חסד זאלסטו אויף איהם געבין א חסד חנם ער זאל פון דיר נישט
פארשטויסען ווערען. אין אונזער גיבעט זאל אויפגיין פאר דיין ריכטער
שטוהל צו גידענקען מיט א גיט גידענקונג אלע זכיות אין גוטס׳קייט
וואס דער רוח האט געטון אדער זיינע עלטערען אין צוזאמען אונזער
גיבעט וואס איז ביי דיר געליעבט ווי קטורת הסמים אין ריח ניחוח צו
מעהרען אויף איהם גינאדע אין לייט זעליגקייט. אין עס זאל איהם נישט
דערמאנט

דערמאָנט ווערין זיינע זינד און פעלטשונג אין די זאָלסט. איהם מוחל זיין אלע. זיינע זינד וואָס ער האָט געטוהן אָדער גיבּרענגט אנדערע צו טהון אין אונזער גיבּעט זאָל פאַר דיר אויפגיין גלייך ווי ער זעלבּסט וואָלט גיבּעטין פאַר דיר אין די זאָלסט איהם באַשירמען פון אלע מחבּלים אין מקטריגים אין משחיתים זיי זאָלען איהם נישט פּייניגען מיט די באַשטראָפונג וואָס עס איז אויף איהם אַרויפגילייגט גיוואָרען אין ער זאָל האָבּען אַרוה אָרט באוּפן אין בתנאי אויב ער וועט שוין מער ניט קיינמאָהל מזיק זיין צו קיין שום יודישען מאַנס פערזאָהן אָדער פרויען. דאַמאָלסט זאָלסטו מיט דיין פיעל רחמנות זיך דערבּאַרימען איבּער איהם אין לייטזעליגען איהם ער זאָל שוין פון היינט אָהן האָבּען מנוחה אין ער זאָל האָבּען אַ תיקון. די וואָס הערסט דאָס גיבּעט פון דיין פאָלק יודען מיט רחמים זאָלסט אויך היינט הערין אונזער גיבּעט אין עס זאָל באַוויליגט ווערען אונזערע זאָג פאַר דיר אונזער באַשעפער אין דערלייזער אמן. ווי ר׳ משה האָט גיענדיגט דעם נוסח פון דער תפילה האָט דער רוח מיט אַגיוואַלטיג הויך אין בּיטער גישריי אָהן גיהויבּען צו שרייען דו האָסט זייער אַגוטע תפילה מסדר גיוועזען אין איך בעט דיך זאלסט שוין מאַכין דעם אָנהייבּ אין זאלסט זאגען תהלים אין קדיש פאַר מיינעט וועגען. ר׳ משה האָט אָנגיהויבּען צוזאָגען תהלים אין ווי ער האָט אָבּגעזאָגט זעקס קאַפּיטלעך תהילים האָט דער רוח געשריגען דאָס ר׳ משה זאָל תיכף זאָגען קדיש אין אויך לערנען משניות אין זאָגען פאַרזיינעטוועגען. ר׳ משה האָט אַזוי געטהון. דערנאָך האָט דער רוח גיבּעטען דאָס מען זאָל איהם געבּען אַצייט ער זאָל זיך קענען אויסגעפינען ערגיץ אַ מקום מנוחה ווייל ער זעהט דאָס פיהל טויזינטער אין צעהנערטויזינטער מזיקים מלאכי חבלה וואַרטען אין האָפען אויף דעם צו ער זאָל אַרויסגיין פון דעם גוף פונ׳ם בחור אברהם אין זיי ווילען איהם משפט׳ן מיט דינים קשים אין דרובּער ווי קען ער אַרויס גיין פון דעם בחור וואָס ער האָט אין איהם אַמקום מנוחה ווייל זייענדיג אין דעם גוף האָבּען די מלאכי חבלה איבּער איהם קיין רשות ניט אין אויבּ ער וועט פון דעם גוף אַרויסגיין ווי וועט ער פאַר זיי אַנטלויפען. האָט איהם ר׳ משה גיענטפערט די זאָלסט קיין מורא נישט האָבּען פאַר די פיעל משחיתים מיר ווילען פאַר דיר בעטען בציבּור וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגען אַז די תפילה פון ציבּור גייט ניט צוריק לעהר נאָר די זאָלסט אַרויס גיין פון דעם גוף פונ׳ם בחור אברהם ווילען מיר טהון פאַרדיינעט וועגען אַלעס וואָס די וועסט נאָהר פון אונז פערלאַנגען. אָבער וויבּאַלד

די

די ווערסט דיך האלטען ביי זיין ווידערשפעניגקייט אין וועסט נישט וועלען ארויסגיין מיט גוטען וועלען מיר קומען אויף דיר מארגען מיט אזעלכע השבעות אין חכמות וואס זענען נאך נישט גיהערט גיווארען אין מיר וועלען אויף דיר אין אויף דיינע ממונים מאכען צערגען אלע באשעפענישען פון הימעל אין דער ערד זיי זאלען צו העלפען זיך מיט כח ארויס צו טרייבען פון דעם גוף פונ'ם בחור אברהם. אין דאמאלסט וועסטו שוין נישט האבען קיין תקנה וויל מיר וועלען דורך דיך מטריח זיין אלע שמות הקדושים דערובער גיב איך דיר אגוטע עצה די זאלסט אינז פאלגען אין היינטיגען דעם אייבערשטינס נאמען ברבים אין מיט דעם וועסט דו האבען א כפרה אויף דעם וואס די האסט פארשווערצט דעם אייבערשטינס נאמען ביי דיין לעבען, דער רוח האט דערויף גאהר נישט גיענטפערט. אלזא האבען זיי איינגיזעהן דאס מיט גוטען וועט מען ביי איהם גאהר נישט פועלען. האט דאס בית דין צדק געהייסען די שמשים אויסרופען אין אלע שוהלען אין בתי מדרשים אז צומארגענס זאל דער גאנצער יודישער קווארטאל צוזאמען קומען אין שוהל הויף פון דעם אלטער שוהל אין מען וועט נישט אהיים גיין פרוהער ביז דער דיבוק וועט ארויס פון דעם אומגליקליכען בחור:

מאנטאג באלד אין דער פרי איז זיך דאס גאנצע יודישע באפעלקערונג צוזאמען געקומען. וויפיעל מענטשען עס האט גיקענט אריין אין שוהל אריין זענען אריין געגאנגען אין אז די שוהל איז געווארען גיפאקט מען האט שוין נישט גיקענט אריין איז דער עולם גישטאנען אויפ'ן שוהל הויף אין מען האט גיעפינט די שוהל פענסטער אין טוהרען כדי דער גאנצער עולם זאל קענען הערען אין זעהן אלעס וואס עס וועט פאהר קומען. עס זענען אויך געקומען פיהל נישט יודען אין עטליכע בעאמטע. אויך אלע פרנסים אין דאזארעס זענען געקומען אין שוהל אריין. אין די שמשים זענען גיגאנגען אין הקדש אריין אין זיי האבען גיברענגט צו פיהרען דעם בחור אין האבין איהם אנידער גיזעצט אויפ'ן בעלעמער אנטקעגען ארון הקודש אין זיי האבען איהם צוגעבינדען מיט צווי שטארקע שטריק צו די שטרעבייטען פון דעם בעלעמער. אין ר' משה האט איהם ווידער גימאכט א'נ'התראה אחרונה דאס מער וועט ער איהם שוין נישט מתרה זיין אז ער זאל מיט גוטען ארויסגיין פון דעם גוף פונם בחור אברהם באופ'ן ער זאל איהם דורך דעם ארויס גיין קיין שום שאדען נישט מאכען באר ער זאל ארויס גיין דורך דעם קליינעם פינגער פון זיין פיס און אויך דערנאך זאל ער קיין שום יוד קיין שלעכטעס נישט טוהן. דרויף

זאגט

זאגט איהם ר׳ משה צו דאס ער וועט פאר איהם מתפלל זיין אין לערנען אין קדיש זאגען א גאנץ יאהר. אבער דער רוח האט זיך גאר נישט אנגערופען. האט ר׳ משה איהם אנגעהויבען צו באשווערען מיט שמות הקדושים ווייער הארבע שבועות, אין מיט איינמאהל האבען זיבען מענטשען צוזאמען געבלאזין מיט זיבען שופרות דערנאך האבען זיי געזאגט גרויסע חינדערליכע תפילות וואס דער רב ר׳ דוד אפענהיים אין ר׳ משה האבען מסדר גיוועזען על פי קבלה אין זיי האבען מסדר גיוועזען על פי קבלן און זיי האבען דעם רוח מיט זיינע ממונים גישטאלטען געלייגט און חרם אריין פיעל מאהל דורכאנאנד אין דער גאנצער ציבור האט געזאגט יעדען מאהל ווי ר׳ משה האט מסיים גיוועזען א תפילה הויך אמן. אין מען האט פארלאשען די לעכט אין שוהל. עס איז גיווארען זייער א שרעקליכער טומעל טייל האבען זיך גישראקען פאר דעם מורא-דיגען גישעהניש וועלכעס זיי האבען נאך קיינמאהל און זייער לעבען נישט בייגעוואהנט. אנדערע האבין שטארק געציטערט עס זאל ח״ו נישט ארויסקומען דערפון קיין חילול השם אויב ער וועט אויף יעצט נישט ארויס גייען. אבער פלוצלונג האט זיך דער הערט דאס קול פון דעם רוח וועלכער האט איבער געשריגען אלע קולות זייער מיט א ביטער געשריי אין ער האט גיבעטען ר׳ משה ער זאל איהם אבלאזען אין ער וועט שוין פאלגען ארויס צו גיין נאר באופן ובתנאי דאס ר׳ משה זאל נאך איהם קדיש זאגען אין דער נייער שוהל אין ר׳ הירש דיין זאל קדיש זאגען אין דער אלטער שוהל אין דוקא קדישים נאך תהלים ווייל די קדשים פארשניידען אלע מחבלים אין מקטריגים על כל פנים די גאנצע שלשים נאכדעם ווי ער וועט ארויס גיין פון דעם בחור אין ר׳ משה זאל זיצען און שוהל אויף דעם ארט פון די אבילים. פארצייטענס האט מען מנחם אבל גיוועזען אין שוהל אין דרובער איז גיוועזען א ספעציעל ארט לעבען דער טוהר וואס דארט פלעגען די אבילים צו זיצען כדי ווען דער ציבור איז אהיים גיגאנגין נאך דעם דאווינען זאלען זיי מנחם אבל זיין גאנצע דרייסיג טאג אין דער בחור אברהם זאל נוהג זיין זיין אבילות אין קדיש זאגען א גאנץ יאהר. דרויף האט ר׳ משה צו גיגעבען מיר וועלכע זענען דאה און שוהל אין אופן הויף וועלען געבין צדקה פאר דיין נשמה וועגען. האט דער רוח גיענטפערט קיין צדקה העלפט נישט פארזיינעט וועגען נאר מען זאל אויסמעסטין דעם בית עולם מיט א שנור און דערנאך זאל מען מיט דער שנור מאכען ליכט און געבען אין שוהל אריין דאס מען זאל ביי די ליכט דאווינען. אין אויב איהר

וועט

וועט דאס אלעס טהון פארמיינעט וועגען וועל איך ארויס גיין אין משך פון צוועלף חדשים. אין באלד האט ער צוריק געחאפט די ווערטער און גיבעטען האטש צוועלף טאג זאל מען איהם געבין צייט. דאט איהם ר' משה גיענטפערט אויף דעם וואס מיר זאגען דיר צו מעגסט די זיין זיכער אז מיר וועלען מקיים זיין נאר באופן אז די זאלסט שוין ארויסגיין פון דעם בחור איהם קיין שום שאדען נישט מאכען ווייל מיר קענען דיר קיין צייט נישט מער געבען ווייל מען האט נעכטען אויסגערופען דאס מיר וועלען זיך נישט אוועק רוהרען דעם היינטיגען טאג ביז די וועסט ארויס פון דעם בחור. און אויב די וועסט נישט תיכף ארויס גיין וועלען מיר דיך נאך אמאהל באשווערן און די וועסט מוזען מיט געוואלד ארויסגיין. דרובער איז פאר דיר אליין גלייכער אז דאס וואס וועסט מוזען שפעטער טהון ביגייט זאלסטו יעצט טהון גיטווילליג. האט דער רוח גיענט- פערט גיט מיר חאטש צוועלף שעה צייט אין נאך די צוועלף שעה וועל איך ארויסגיין פון איהם אהן שום שאדען אזוי ווי איהר פערלאנגט. האט איהם ר' משה גיענטפערט איך וויל די זאלסט שוין ארויס גיין איך גיב דיר גאר נישט קיין צייט. אין ער האט תיכף איהם אין זיינע ממונים ווייטער גיוואלט באשווערען און מחרים זיין אזוי ווי פרוהער. האט דער רוח אנגעהויבען צו וויינען און צו שרייען מיט זייער אביטער קול איהר זענט רחמנים בני רחמנים אין איהר זענט אייך מרחם איבער דעם בחור פאר וואס האט איהר נישט קיין רחמנות אויף מיר איהר הייסט מיך ארויס גיין פון אזוי אשיינע דירה און פון אזוי אריינעם אין הייליגען גוף. נאר עס איז דאך פערפאלען איך מוז דאך פון איהם ארויסגיין אבער איך זאג אייך אז עס איז אוממיגליך דאס איך זאל ארויס גיין פון איהם פרוהער ווי פאר צוועלף שעה איך האב דרונען פיעל בא- האלטינע טעמים. דרובער בעט איך אייך איר זאלט אויף מיר אויך רחמנות האבען אין גיט מיר צייט צוועלף שעה דערנאך וועט איהר זעהן אז איך וועל מיין ערליך ווארט מקיים זיין און וועל צו דער צייט אליין ארויסגיין. נאר באופן אז איהר זאלט מקיים זיין די אלע תנאים וואס איהר האט מיר צו געזאגט ווייל אויב איהר וועט נישט מקיים זיין וועל איך אין משך פון דריי טאג צוריק אריין אין איהם אין דאמאלסט וועט שוין נישט פועלין אייערע השבעות ווייל איהר וועט דאך זיין די שולדיגע:

האט ר' הירש דיין צו איהם גיזאגט שווער אונז צו ביים אייבערש- טינס נאמען אז די מיינסט אונז נישט אבצונארען און נאך צוועלף

צוועלף שעה ווען טאקע ארויס גיין. האָט דער רוח אָנגעהויבען צו שרייען אוי ווי איז צו מיר דעם הייליגען נאָמען טאָהר איך נישט דער־מאָנען און דאמאָלסט ווען איך וועל מזגען דערמאָנען דעם הייליגען נאָמען וועל איך שוין נישט זיין אין רשות פון די מחבלים נאָר דאָס קען איך יאָה טהון איך וועל אייך געבין תקיעת כף אז איך וועל ארויס גיין נאָך צוועלף שעה אין איהר מעגט זיכער זיין דאָס איך וועל מיין תקיעת כף מקיים זיין. האָט ר׳ הירש דיין גיפרעגט דעם רוח ווי אזוי וועלען מיר וויסען אז די וועסט ארויסגיין פון דעם בחור אפשר וועסט אונז אָבנאַרען. האָט איהם דער רוח גיענטפערט אין דעם וועט איהר וויסען דאָס איך בין שוין ארויס גיגאַנגען. איך וועל ארויס גיין דורך דעם קליינעם פינגעריל פון זיין לינקען פיס אין עס וועט איהם רינען אביסעל בלוט פון דעם פינגער אין וועל מאַכען א לעכעל אין דער שאָב דורך וועלכער איך וועל אדורך גיין אין מיין וועג אריין. האָט איהם ר׳ משה גיפרעגט איך דאַרף דאָך וויסען דיין נאָמען און דיינע עלטע־רינ׳ס נאָמען איך זאָל קענען בעטען אויף דיר אין דערוועקען רחמים האָט דער רוח געשריבען מעהר ווי צעהן מאָהל זיין נאָמען איז שמואל אין ער איז גיוועזען אראש מדינה אין זיין פאָטער האָט גיהייסען ר׳ מענדעל אין זיין זיידע האט גיהייסען ר׳ מיכעל און זיין מיטער האט גיהייסען ביילא. אין דערמאַנענדיג זיין מוטערס נאָמען איז ער שטאַרק צארינדיג גיוואָרען אין ער האָט זי געשאָלטען מיט קללות נמרצות. האָט איהם ר׳ משה גיפרעגט פאַר וואָס ער שעלט אזוי זיין מוטער. האָט איהם דער רוח גיענטפערט ווייל זי האָט איהם גיבראַכט צו דעם גאַנצען שלעכטין. ער איז גיוועזען זייער רייך אין זיינע ווערטער האָבען גיהאט א ווירקונג ביי די שרי מלוכה האָט איהם די מוטער אָנגירעט ער זאָל הרשען איבער אלע יודען און ער האָט זיך באַהעפט צו די נישט יודישע גרויסע לייט און האָט זיך גיפלייסט איבער צו שטייגען זיי און זייער הולטייסטווע ביז ער האָט עובר גיוועזען אויף אלע תרי״ג מצות ר״ל וויסענדיג דאָס מען טאָר די אלע זאַכען נישט טהון האָט ער אלעס געטהון צו דערצערנען דעם אייבערשטען און אז דער רב מהור״ר איצק ר׳ מענדעלס זצ״ל האָט איהם גישטראָפט אויף זיינע שלעכטע מעשים האָט ער איהם נעמסר׳ט אין געמאַכט א פאַלשען בילבול דאָס ער איז מחויב גיוואָרען מיתה און די מלוכה האָט איהם דערהאַרגעט. אויך דער צווייטער רב מהור״ר אהרן ר׳ ליבושיס האָט נישט גיקענט אויסהאַלטען זיין פערדאָרבענהייט אין ער האָט איהם גישטראָפט האָט ער איהם אויך גימסרט

גימסרט אין מען האט איהם דערהארגעט. דערנאך האט שוין די שטאט נישט גיקענט אויפנעמען קיין אנדערען רב ווייל קיין שום רב האט נישט גיוואלט ליידען פון זיין רשעות האט איהם דאס שטארק פארדראסען אין די שטאט לייט האבען איהם גימאכט פארוואורפען איז ער גיגאנגען, צו זיינע בעקאנטע שררות אין האט זיי אנגירעט אז זיי זאלען פועלען ביים קייזער דאס מען זאל ארויסטרייבען אלע יודען פון דער שטאט אין אזוי ארום האט ער גיברענגט דאס גרויסע אומגליק אויף דער גאנצער שטאט דורך וואס ער איז פארמשפט גיווארען צו אזעלכע שרעקליכע יסורים אין דינים קשים:

דערנאך האט ער נאך אמאל שטארק גיבעטען דאס מען זאל איהם געבען צוועלף שעה צייט אין ער האט גיגעבען ר' הירש דיין תקיעת כף דאס אין פערלויף פון די צוועלף שעה וועט ער זיכער ארויס. דערווייל איז שפעט גיווארען אין עס איז געקומען מנחה צייט האט מען געדאווענט מנחה אין דער בחור אברהם איז אויך גיוועזען רוהיג ער האט געדאווענט גלייך מיט דעם ציבור אין נאך געזאגט קדושה אין אמן יהא שמי' רבא. נאך דעם דאווינען איז דער גאנצער עולם אוועק גיגאנגען אין דער בחור איז אויך גיגאנגען אין הקדש אריין ווי ער פלעגט זיך אויפהאלטען ער איז זיך גילעגען אויפן גילעגער גאנץ רוהיג נאר פארטאגס איז ער מיט אגרויסען אימפעט אראב געשפרונגען פון זיין גילעגער אין איז גילאפען פון איין שטוב אין דער צווייטער אין די טוהר פון דעם חדר וואס ער איז דערפון ארויסגיגאנגען האט ער פארשלאסען מיט אזוי א שרעקליכע האסטיגקייט אז די טוהר איז שיער צו בראכען גיווארען אלע ארימע לייט וואס זענען גיוועזען אין הקדש האבען זיך זייער שטארק דערשראקען אין זענען אויך אראב געשפרינגען פון זייערע גילעגערס אין האבען איהם גיפרעגט וואס ער לויפט אזוי אין ווי ער לויפט אבער ער האט זיי גארנישט גיענטפערט. דערנאך איז ער צוריק געלאפען אין דעם ערשטען חדר אריין ווי ער איז פריהער גיוועזען אין ער האט גיכאפט א בענקיל אין זיך אנידער גיזעצט לעבען אויווען אין אנגעהויבען צו שרייען גייט אוועק פון דעם פענצטער ווייל איך וועל מזיק זיין די אלע וואס וועלען שטיין לעבען פענצטער אין באלד נאך א מאהל דאס זעלבע געשריגען דאס יעדער וואס עס איז זיין לעבען ביי איהם טייער זאל אוועק גיין פון דעם פענצטער אין באלד ווי אלע מענטשען האבען אבגיטרעטען פון דעם פענצטער האט זיך דער-הערט אטראסק און דער שאב פון דעם פענצטער אין עס איז געווארען

אין

אין דער שאָב אַלעכעל אַזוי ווי אַגילדען קאַלעכיג. אין דער בחור איז געבליבען ליגען מיט׳ן פנים צו דער ערד אין ער האָט זייער שטאַרק גיקרעכצט אין געזיפצט פון גרויס שוואַכקייט. קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין איהם דערהאַלטען. און אין דעם קליינעם פינגעריל פון זיין לינקען פיס האָט מען אָנגיזעהן דאָס לעכיל ווי אַרום דער רוח איז אַרויסגיגאַנגען אין עס האָט געטריפט בלוט ער איז אַזוי גילעגען ביז עס איז טאָג געוואָרין האָט ער זיך גיגעבען אַהייב אויף ווי אַנייער מענטש אין ער איז געגאַנגען און שוהל אַריין אין האָט זיך געהייסען געבען תפילין אין ער האָט גימאַכט הויך די ברכה אין ער האָט געזאָגט זי ער ערנסט קדיש אויך דאָס גאַנצע דאווינען האָט ער גיזאָגט וואָרט ביי וואָרט בפרט קריעת שמע האָט ער מפסיק גיוועזען ביי די ווערטער וואָס דאָס ערשטע וואָרט לאָזט זיך אויס מיט אַגלייך אות ווי דאס צווייטע ווארט הייבט זיך אָהן כדי ער זאָל נישט מבליע זיין קיין אות אַלעס אַזוי ווי דער דין איז אין שולחן ערוך די אַלע מענטשען וואָס האָבען דאָס צו גיזעהן אין גיהערט אין זיי האָבען געוואָסט זיין פערגאַנגענהייט אַז שוין מעהר ווי זעקס יאָהר האָט ער נישט גילייגט קיין תפילין אין נישט דערמאַנט קיין יודיש וואָרט האָבען פון גרויס שמחה געוויינט אין אָבגיגעבען אלויב צום אייבערשטין וואָס ער האָט אויסדערווייילט אין די צדיקים אין האָט זיי אַלמעכטיג גימאַכט איבער אַלע באַשעפעניש אין סאי די גוטע גייסטער סאי די בייזע מוזען זיי געהאָרכזאַם זיין :

**באַלד** דינסטאָג אין דערפרי ווי עס איז בעוואָסט גיוואָרען אַז דער דיבוק איז אַרויס פון דעם בחור אברהם האָט ר׳ משה געמאַכט אַגרויסע אַסיפה פון אַלע דאָזאַרעס אין ראשי הקהל ווי אויך דאָס בית דין צדק אין זיי האָבען געשיקט די באַגלייבטע שמשים זייערע האלוף ר׳ הירש שמש ונאמן דעם אַלטען רב׳ס זצ״ל אַזוהן אין האַלוף הר״ר משה ר׳ דוד פוקס׳יס זצ״ל וואָס איז אויך גיוועזען אַ שמש אין נאָמען פון דער קהילה דאָס זיי זאָלען אויסרופ׳ן אין אַלעבתי מדרשים אין שוהלען פון דער שטאָט ניקעלספורג אַז אין נאָמען פון ראָשי ומנהגי הקהלה אין דאָס בית דין צדק מיט ר׳ משה פרעגער אין דער שפיץ ווערט בעוואָסט גימאַכט דאָס אַזוי ווי דער רוח וואָס איז גיוועזען אין דעם פרעמדען בחור אברהם וועלכער געפינט זיך אין שטאָדטישען הקדש האָט מקיים גיוועזען זיין תקיעת כף וואָס ער האָט גיגעבען צו ר׳ הירש דיין סג״ל דאָס ער זאָל אין פערלויף פון צוועלף שעה אַרויסגיין פון דעם בחור באופן דאָס ער זאָל איהם קיין שום שאָדין נישט מאַכען. דערובער

איז

איז דאָס בית דין צדק צוזאַמען מיט אַלע וועלכע זענען גיוועזען בשעת מען האָט גימאַכט די השבעות אין דעם רוח מיט זיינע ממונים געלייגט אין חרם אריין מודיע דאָס די אַלע חרמות ווערען בטל פון דער צייט אָהן וואָס ער האָט מקיים גיוועזען זיין תקיעת כף. די שמשים האָבען תיכף מכריז גיוועזען דעם גיהעריגען כרוז אין אַלע שוהלען אין בתי מדרשים דאָס איז גיוועזען דינסטאָג ביי טאָג :

מיטוואָך ביי נאַכט עלף אַ זייגער האָט זיך דער רוח באַוויזען אין דעם הויז פון האַלוף מוהר״ר הירש אין הקצין בער דער זוהן פון הר״ר שלמה זצ״ל ראָש הקהל וועלכער איז בעקאַנט גיוועזען מיט׳ן נאָמען ר׳ בער נפתלי בעק. אין דאָרט האָט פונקט זיך אויפגיהאַלטען אַ אורח פון ארץ ישראל מיט׳ן נאָמען מוהר״ר נפתלי בן מהור״ר משה מווין זצ״ל אין דער רוח האָט מיט זיך גיברענגט נאָך דריי ווי עס זעהט אויס האָט דאָס געמוזט זיין זיינע ממונים. אין ער האָט זייער ביטער געשריגען אין ער איז גיוועזען שטאַרק בייז דאָס ער האָט גיוואָלט דעם אורח מהור״ר נפתלי מזיק זיין אין דאָס גאַנצע הויז איינלייגען. זאָגענדיג איך האָב גיגעבען תקיעת כף דאָס איך וועל אַרויס גיין פון דעם גוף פונ׳ם בחור אברהם אין וועל איהם קיין שאָדען נישט טוען האָב איך מיינע ווערטער מקיים גיוועזען אין פון דער צייט וואָס איך בין אַרויר געגאַנגען האָב איך קיין שום יוד ח״ו קיין שאָדען גיטוען נאָהר איך מיט מיינע ממונים האָבען מיר אַרום גישוועבט אין דער וועלט ביז מיר זענען געקומען אין אַמדבר צווישען דער שטאָדט אושא אין שפרעם זענען אונז אַנטקעגען געקומען אָהן שיער טויזענטער אין צעהנער טויזענטער חיילות משחיתים וועלכע זענען ממונה ,צו באַשטראָפען די וועלכע דאָס בית דין צדק האָט אַריינגעלייגט אין חרם אין זיי האָבען אונז געיאָגט אין געפייניגט דאָס מיר האָבען שוין קיין כח נישט אין זיי לאָזען אונז נישט צו רוהע דורך די חרמות וואָס דאָס בית דין צדק האָט אויף אונז געמאַכט אין מיר ווייסען נישט ווי זיך פאַר זיי צו באַהאַלטען. דרובער זאָג איך דיר מיט גוטען אַז די זאָלסט זעהן דאָס מען זאָל פון אונז אַראָב נעמען דעם גרויסען חרם אין אויב נישט וועלען מיר שוין ווייסען וואָס צוטוען דאָס איהר וועט אַלע דרויף גרויס חרטה האָבען. האָט איהם דער ר׳ נפתלי אַלעס דערויף גיענטפערט די פרנסים אין ראָשי הקהל מיט דעם בית צדק אין ר׳ משה פרעגער האָבען דאָך נאָך בייטאָג תיכף נאָך דיין אַרויס גיין פון גוף פון דעם בחור אַברהם געשיקט זייערע שמשים אין נאמנים און זיי האָבען זייער נאָמען מבטל גיוועזען

גיוועזען די אלע חרמות פון דיר און דיינע ממונים האט דער רוח געזאגט דאס איז אמת אז די שמשים האבען אזוי אויסגערופען אבער די התרה פועלט נאך נישט וויל דער זעלבער וואס האט אונז מחרים גיוועזען ער אליין דארף אונז מתיר זיין. דער אלוף מוהר״ר משה פרעגער ער האט גיגעבען די חרמות אויף מיר און מיינע ממונים דארף ער אליין מתיר זיין און כל זמן ער וועט נישט מתיר זיין ליגט נאך אויף אונז אלע חרמות און מיר האבען נישט קיין מנוחה פון די משחיתים וואס באשטראפען די וואס זענען און חרם ר״ל. דרובער זאלסטו גיין באלד צו ר׳ משה פרעגער און איהם ווארענען דאס ער אליין זאל גיין און אלע בתי מדרשים און שוהלען פון דער גאנצער שטאדט ניקעלש-בורג און אויסרופען דאס ער און זיינע חבירים דאס בית דין צדק און נאמען פון דער גאנצער קהילה זענען מבטל די אלע חרמות און השבעות בשמות הקדושים וואס זיי האבען גימאכט אויף דעם רוח וועלכער איז גיוועזען אין דעם פרעמדען ארימען בחור אברהם וואס האלט זיך אויף אין דעם שטאדטישען הקדש. דער ארץ ישראל יוד ר׳ נפתלי האט איהם גיענטפערט דאס ער קען נישט אזוי שפעט ביינאכט גיין צו ר׳ משה פרעגער און בפרט דאס עס וועט דאך זיין יעצטיגער גאנג גאר נישט פועל זיין וויל די שוהלען אין בתי מדרשים זענען דאך ליידעג אדער גענצליך געשלאסען אלזא זאל ער איהם צו ווארטען ביז און דער פרי וועט ער גיין צו ר׳ משה׳ן און ער אין איהם מבטיח דאס ער וועט אלעס פועלען אזוי ווי ער וויל. דער רוח האט דרויף איינגעשטימט און ער האט ר׳ נפתלי׳ן גיזדאנקט פאר זיין הבטחה:

**צומארגענס** און דער פרי איז ר׳ נפתלי ארובער גיגאנגען צו ר׳ משה פרעגער און ער האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה ווי דער רוח איז די נאכט צו איהם געקומען און האט איהם גיבעטען דאס ער זאל זעהן אז ר׳ משה אליין זאל זיך מטריח זיין אין מתיר מאכען די חרמים און השבעות שמות הקדושים וואס ער האט אויף איהם און זיינע ממונים געמאכט. האט ר׳ משה געמאכט אנאסיפה פון די אלופים אין קצינים מיט דעם בית דין צדק. אין ארץ ישראל יוד ר׳ נפתלי האט פאר זיי מעיד גיוועזען בחרם הגדול אז די פאריגע נאכט עלף אזייגער איז דער רוח צו איהם געקומען ווען ער איז אויף גיוועזען אין נישט אין חלום. אין ער האט מיט איהם גירעט די אויבענדערמאנטע ווערטער אזוי ווי אלעבעדיגער מענטש רעדט איינער צום צווייטען. דער רוח האט זיך באוויזען אין געשטאלט פון אגרויסע זייער א שווארצע

קאץ

קאַץ פיל מיט אויגען און די דריי וואָס זענען מיט איהם מיט געקומען האָט ער נישט גיקענט דערקענען וואָס פאַר א ברואים דאָס איז גיוועזען דרובער האָבען די אַלופים און קצינים מיט דעם בית דין צדק באַפוילען אויף ר׳ משה פרעגער אַז ער זעלבסט זאָל זיך מטריח זיין און גיין און אַלע שולען און בתי מדרשים פון גאַנץ ניקעלשבורג און אויסריפען דאָס ער בצירוף הבית דין צדק וויא אויך די גאַנצע קהילה זענען מתיר די חרמות און השבעות פון דעם רוח און זיינע ממונים. אויף אַזוי איין אופן. היינט. דאָס הייסט מיטוואָך פאַר נאַכט זאָל ער דעם כרוז אויסרופען אין דעם גרויסען בית מדרש. און צומאָרגענס דאָס הייסט דאָנערשטאג וואס איז דאַמאָלסט פונקט גיוועזען ערב ראש חדש אדר. זאָל ער אין דערפרי אויסרופען דעם כרוז אין פאַרנאַכט צו מנחה גדולה אין דער נייער שוהל. אויך האָט דאָס בית דין צדק גוזר תענית גיוועזען דאָס דאָנערשטיג ערב ראש חדש אדר זאָל די גאַנצע יודישע באַפעלקערונג וואָס וואָהנט און ניקעלשבורג פאַסטען און זאָגען סליחות אַז דער אייבערשטער זאָל מוחל זיין אויף די השבעות און חרמות וואָס מען האָט געמאַכט. און דאָס איז דער נוסח פון דעם כרוז וואָס ר׳ משה פרעגער האָט אויס געררופען:

הערט איס קהל הקודש דאָה איז מען מכריז און מודיע אַזוי ווי מיר האָבען זעלבסט מיט אונזערע אויגען גיזעהן דאָס דער אייבערשטער איז נאָהנט צו אַלע זיינע רופערס צו די וואָס רופען צו איהם מיט אַנ׳אמת און ער טהוט דעם ווילען פון זיינע פאָרכטיגע און ער הערט צו זייער גיבעט און העלפט זיי אַלעס וואָס זיי פאַרלאַנגען פון איהם. און אַזוי האָט ער אויך אונז גיהאָלפען און גיהערט אונזער גיבעט מיט דעם וואָס דער רוח וואָס האָט געפייניגט דעם אָרימען אומגליקליכען פרעמדען בחור איז פון איהם אָבגיטרעטען. און ווייל איידער דער רוח האָט באַוויליגט אַרויס צו גיין פון דעם בחור האָב איך און דער בית דין צדק געמאַכט גרויסע השבעות און חרמות אויף דעם רוח און זיינע ממונים באריכות גדול און בשעת מעשה אויסגענומען דאָס אויב ער וועט אונז פאָלגען און אַרויס גיין פון דעם בחור באופן דאָס ער זאָל איהם קיין שאָדען נישט טוען און אויך קיין שום יוד זאָל ער קיין שאָדען נישט טהון זאָלען די אַלע חרמות בטיל ומבוטל זיין כחרס הנשבר. דרובער איז מען מודיע און אַלע בתי מדרשים און שוהלען און רשות פון דעם אייבערשטין און אַלע משרתי מעלה פון די וועלטען בריאה יצירה. עשי׳. וויא אויך און די ערטער ווי עס רוהען אַלע נישט ריינע

גייסטער וועלכע זענען ממונה צו שטראָפֿען די אַלע וועלכע פֿאַרזינדיגען זיך אין ווערען צו זיי איבער גיגעבין אין בהסכמת הבית דין צדק אין דאָס גאַנצע יודישע באַפעלקערונג וועלכע זענען אנוועזענד גיוועזען ביי דעם מחרים זיין דעם רוח מיט זיינע ממונים. דאָס באם דער ת אי וואָס מיר האָבען מיט דעם רוח אויסגענומען וועט דורך איהם מקוים ווערען דאָס דער בחור אברהם וועלכער איז געבוירען פֿון דער אשה יוטא וועט וויטער אַזוי פערבלייבען אָהן שום שאָדען אָדער צער ווי אויך אַלע יודען וואָס זענען פערהאַנדען אויף דער וועלט ווילען קיינער פֿון זיי קיין שום שאָדען נישט האָבען פֿון דעם רוח וועלכער איז גיוועזין אין דעם גוף פֿון דעם בחור אברהם דער זוהן פֿון יוטא אין ער האָט אונז געזאָגט דאָס ער הייסט שמואל דער זוהן פֿון ביילא אָדער אַנדערע נעמען וועלכע ער האָט זאָלען די אַלע חרמות אין השבעות וואָס מיר האָבען אויף איהם אין זיינע ממונים גיגעבין בטל זיין כחרס הנשבר אין עס זאָל אויף זיי נישט זיין קיין שום השבעה אדער חרם אָלה קללה נידוי. שמתא. און זיי זאָלען ריין זיין פֿון אלע השבעות. אין חרמות אין אָלות. קללות. ושמתות. נידוים. וארורים וואָס עס איז אויף זיי גיגעבין גיוואָרען פה קהילה קדשה ניקעלשפורג באופן אין בתנאי דאָס דער רוח זאָל נישט קומען איבער שרעקען קיין שום יוד אין דער וועלט הן בהקיץ הן בחלום הן מאַנספערזאָהן הן פרויען בחורים אָדער בתולות. יונגלעך אָדער קליינע קינדער זקנים און זקינות הן אין דער מדינה הן און אַנדערע מדינות הן בישוב אָדער און מדברות אין ימים און אין טייכען. און אַלע מענטשען זאָלען זיך דערפֿון אַרויס לערנען אַ מוסר השכל דאָס דער אייבערשטער שווייגט נישט קיינעם. יעדער באַקומט זיין לוין לויט זיינע מעשים ביים לעבען אָדער נאָך דעם אוועק גיין פֿון דער וועלט דרובער זאָלען אַלע מורא האָבען פֿאַר איהם אין איהם דינען מיט ליבשאַפֿט און עהרפורכט וועט ער אונז בענטשן מיט אַלעם גיטען אין מיר וועלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

דעם כרוז האָט מען עטליכע מאָהל אויסגערופֿען און אַלע שוהלען אין בתי מדרשים פֿון גאַנץ ניקעלשפורג:

**נאָכדעם** ווי דער בחור אַברהם איז שוין געהאַט באַפרייט גיוואָרען פֿון דעם רוח וועלכער האָט איהם אַזוי אַלאַנגע צייט גיפיי-ניגט האָט ער זיך הערשט דערפיהלט ער איז געבליבען זייער שוואַך דאָס ער האָט קיין מאכט נישט גיהאַט דעם פֿיס אַנידער צו שטעלען אויף דער ערד ווייל דער רוח האָט איהם אַרויס גענומען דעם כח פֿון אַלע

רמ״ח איברים. צו דעם איז ער נאָך אריין גיפאַלען אין זייער אַגרויסע היציגע שלאָפקייט ר״ל ער האָט גיברענט ווי אַ גהינם אין ער האָט געמוזט ליגען אויפ׳ן קראַנקען בעט. אין ווייל אַ חולה דאַרף דאָך האָבען שמירה איבערהויפט אַזעלכער וואָס איז שוין אַמאָהל הערשט נישט לאַנג גיוועזען אָנגישטעקט מיט אַזוי אַנ׳אומגליק דרובער האָבען די אלופים וקצונים פון דער קהילה גיהייסען אריין שטעלען זיין בעטעל אין בית מדרש ווי מען פלעגט צו לערנען בייטאָג אין ביינאַכט אין זיי האָבען איהם גיבעטען ר׳ משה פרעגער ער זאָל איהם היטען בייטאָג אין ביינאַכט חאָטש איינציגסטענס די ערשטע אַכט טעג דורכאַנאַנד. ר׳ משה האָט תיכף צו גיגרייט פאַר דעם בחורס וועגען קמיעות אין שמות הקדושים וואָס זיינען מסוגל לשמירה אין ער האָט אויף איהם אויפגיהאָנגען. איינמאָהל מאָנטיג ביינאַכט פיער טאָג אין חדש אָדר דאָס בית מדרש איז גיוועזען גיט באַלויכטען אין אַלע וועלכע האָבען זיך געפינען האָבען גילערינט זוהר הקדוש אַזוי ווי עס איז דאָרט גיוועזען דער מנהג נאָך האַלבער נאַכט האָבען זיי גילערנט זוהר הקדוש אין כתבי האריז״ל אין ר׳ משה פרעגער איז אויך גיוועזען צווישען זיי. פלוצלונג האָט דער בחור אָנגיהויבען צו שרייען שמע ישראל אין איין אָטעם מיט זייער אַ שרעקליך און ביטער קול. איז ר׳ משה ווי אויך די מענטשען וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען צו געלאָפען אין האָבען איהם גיפרעגט וואָס ער שרייט אַזוי. האָט ער זיי גיענטפערט אַז דער רוח איז אריין געקומען אין ער שטייט אַנטקעגען איהם האַלטענדיג אמיהלשטיין אויף דעם אַקסעל אין ער זאָגט דאָס אויב מען וועט נישט מקיים זיין די תנאים וואָס מען האָט איהם צו גיזאָגט וועט ער אין איהם צוריק אריין אין ער האָט איהם גיוואָלט שלאָגען מיט דעם מיהל שטיין וואָס ער האָט אויף די פלייצעס. אָבער ער שטייט אָב געררוקט פיהר איילען פון איהם אין ער טאָהר נישט אַריין גיין אין זיינע פיהר איילען. נאָהר ער האָט צו איהם גילאַכט אין פון איהם חווק געמאַכט זאָגענדיג דאָס ער האָט גימאַכט אַנ׳רגערער גישעפט פון איהם ווייל זעקס יאָהר צייט ווען ער איז גיוועזען אין זיין גוף האָט איהם נישט געשאַדט די קעלט ווינטער אויך נישט די היצען זומער חאָטשע ער איז און די גרעסטע קעלטען שנייען און זאַווערוכעס וואָס אַנ׳אַנדער האָט מורא גיהאַט אַרויס צו ווייזען זיך איז ער גיגאַנגען באָרוועס אין נאַקעט אין ער איז גיוועזען שטאַרק ווי שטאָהל. אין יעצט טוו ער ליגען קראַנק אין בעט. דרובער זאָל ער פאָלגען זיין עצה אין זאָל אַראָב נעמען פון זיך די קמיעות אין איהם געבען

געבען רשות ער זאָל אין איהם צוריק אריין וועט ער זעהן דאָס ער וועט ווערען באלד אנאנדערער מענטש עס וועט איהם ווייטער קיין שום זאך נישט שאַטען. נאָר ער האָט איהם אפילו נישט געוואָלט ענטפערין אין גלייך געמאכט אגעוואַלד שמע ישראל:

ר׳ משה האָט געזאָגט צו דעם בחור אז ער זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבען ווייל מיט השי״ת הילף אין דעם גרויסען כח פון די שמות הקדושים וואָס עס איז דאָה אויף די קמיעות וועט דער רוח אויך אנדערע נישט רייגע באגעגענישען ר״ל קיין שליטה איבער איהם נישט האָבען. נאָר ער זאָל פרעגען דעם רוח ווי עס דערגייט איהם פון דער ציט אָהן וואָס מען האָט פון איהם אין זיינע ממונים אראָב גענומען די חרמות. האָט דער בחור איהם גיפרעגט. האט ער איהם גיענטפערט דאָס זיין דין איז גרינגער געוואָרען. אין אזוי ווי ביז דאמאָלסט האָט מען איהם דן גיוועזען פיהר מאָהל אין טאָג איז מען איהם דן פון דער צייט פון זיין ארויס גיין אָהן נאָהר צוויי מאָהל אין טאָג אין אויב מען וועט מקיים זיין די תנאים וואָס מען האָט זיך מיט איהם אויסגענומען דאָס הייסט ר׳ משה פרעגער אין ר׳ הירש דיין סג״ל זאָלען זאָגען קדיש אין לערנען לטובת זיין נשמה וועט קומען אצייט דאָס מען וועט איהם שוין מעהר נישט דן זיין נאָר ער טאָהר זיך שוין מער נישט געפינען אין קיין ישוב נאָר אין דער וויסטעניש. אין אזוי ווי דער ערשטער פסק פון בית דין של מעלה איז אויף איהם נגזר געוואָרען ער זאָל זיין זיבציג יאָהר ארוח ר״ל אין ער האָט הערשט פערציג יאָהר אבגעליטען דעם שרעקליכען עונש מוז ער נאָך ליידען דרייסיג יאָהר. דערנאָך וועט מען איהם הערשט נאָך אמאָהל ברענגען פאר דעם בית דין של מע״ה אין אויפ׳סניי משפט׳ען מיט וואָס פאר אדינים מען זאָל איהם שטראָפען. דערנאָך האָט ער געזאָגט דעם בחור דאָס ער פערלאַנגט פון איהם נאָך א טובה חאָטשע בשעת מעשה האָט ער זיך נישט אויסגענומען. נעמליך אז דאָס ערשטע קינד וואָס וועט ביי איהם געבוירען ווערען זאָל ער איהם א נאָמען געבין נאָך איהם שמואל. אויך האָט ער אָנגעזאָגט דעם בחור דאָס ער זאָל זיין ערליך אין געוואָרענט אין מצות ווי אויך מיט אלע מיגליכקייט צו זאָגען תהלים פאר זיין נשמה וועגען. אין ער האָט זיך מיט דעם בחור גיזעגענט אין איהם געווינטשען ער זאָל ווי אמשנעלסטען געזונד ווערען. אין איז פון איהם נעלם געוואָרען שוין אויף אייביג. דעם בחור האָט אָנגעהויבען צו ווערען בעסער אלע טאָג ביז ער איז געוואָרען פאָלקאָם געזונד האָט ער זיך גענומען צום לערנען אין ער איז גיזעסען

יומם

# בית דוד

יומם ולילה אין גילערינט אין איז אויך גיוועזען זייער אנערליכער דאס אלע מענטשען האבען איהם ליעב געהאט מיט דער צייט איז ער געווארען אגרויסער למדן אין ער האט אגוטען שידוך געטהון אין ער האט געהאט קינדער יראים ושלימים גרויסע גבירים אין רודפי מצות זיי האבען פיהל צדקות גיגעבען אזוי ווי זייער גוטער פאטער האט זיי גילערנט. די מעשה איז פארצייכענט גיווארען צום אייביגען אנדענקען די גרויסע ווינדער וואס דער אייבערשטער האט באוויזען דורך זיין געטרייען דינער ר' משה פרעגער זצ"ל. עס איז אויך דארט פארשריבען דאס אגרויסע צאהל פרויען וועלכע זענען גיוועזען מקשה לילד און די דאקטוירים האבען קיין שום עצה נישט געהאט זיי צו דערהאלטען ביים לעבען האט דער גרויסער מקובל ר' משה פרעגער זצ"ל מציל גיוועזען מיט זיינע קמיעות וועלכע זענען געשריבען געווארען מיט גרויס קדושה וטהרה. דרויף איז געחתמ'עט דער גרויסען גאון אין מקובל דער דאמאלסדיגער ניקעלספורגער רב אין מדינה רב איבער גאנץ מדינת מעהרען. נאום הקטן דוד אופנהיים החונה קהילה קדושה ניקעלספורג ובכל מדינת מעהרן. דער זכות פון די גרויסע צדיקים זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען אבגעהיטען ווערען פון כל מיני צער אין אומגליקען וואס טרעפען זיך אין דער וועלט אין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן :

## א גוט ווארט פון דעם גאון.

רש"י הקדוש זאגט אין פרשת חיי שרה אויף דעם פסוק ביני ובינך מה היא. בין שני אוהבים כמוני צווישען אזעלכע גיטע פריינד ווי מיר זענען איז דאס גאהר נישט חשוב. האט דער גאון גיפרעגט מיין וואנעט ווייסט רש"י אז עפרן האט געמיינט גיטע פריינד אפשר האט ער געמיינט צווישען אזעלכע גרויסע לייט אין גבירים. ענטפערט רש"י אז דער דרך ארץ איז וויבאלד איינער רעדט מיט זיין חבר פון גרויסקייט אין רייכקייט דארף ער מקדים זיין. זיין חבר דאס ער איז רייכער אין גרעסער פאר איהם כדי דערמיט איהם מכבד צו זיין דאס ער האט זיין חבר אמת'דיג ליעב ווי די גמרא זאגט ווילסט וויסען וואס ביי דיין חבר אין הארץ איז אויף דיר קענסטו וויסען וואס עס איז אין דיין הארץ אויף איהם. דאס זעלבע איז אין זיין הארץ אויף דיר. און דרובער אז עפרון האט געזאגט פרוהער ביני. צווישען מיר. און דערנאך ובינך. צווישען דיר איז א סימן אז ער האט געמיינט צווישען אזעלכע גיטע פריינד. ודפח"ח :